בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קודש

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

סיום ששה סדרי משנה מוצש"ק ויגש

## ז' טבת תשט"ז

ביומא דהילולא של הרה"ק משינאווא זצ"ל - שהתקיימה מידי שנה בביהמ"ד חרדים באיסט סייד

**ה' יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם**

• צל"ח: כהנים באכילת תרומה מותרין לאכול בערב קודם קריאת שמע, לפי שאכילת תרומה נחשב כעבודה • החכמים החמירו שלא לאכול סעודה קודם קריאת שמע ותפלה דערבית • חשבון ש"י העולמות לפי חשבון תרי"ג מצות • ביאור הגמרא: גיירני על מנת שתלמדני כל התורה על רגל אחת, אמר לו וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ • ביאור הגמרא: יגעתי 'ומצאתי' תאמין, שתמצא גם יתר המצות שלא עלו ביגיעתך • על ידי שלום ואחדות נחשבים לו גם המצות שמקיימים חביריו, והוא עצה שיחשב כאילו קיום כל התרי"ג מצות, ולא יצטרך להתגלגל שנית • גודל חשיבות של חברה ש"ס ומשניות, שמי שמשתתף עם החבורה ללמוד חלקו, נחשב לו כאילו למד גם יתר כל הש"ס שסיימו בין כולם •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשפ"ו לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע"י **מערכת לשון קדשו**
**כל הזכיות שמורות ואיסור השגת גבול ידוע** © Copyright
צו מנדב זיין רופט: **1-718-388-5519** | אויטאמאטיש דורך קרעדיט קארד: **845-366-2793 #1700**



**לשון קדשו:**
**929-522-1515**
דרוק 1 דערנאך **348** פאר די **רעקארדינג** פון די וואך.
ארץ ישראל: **072-3275205**
ענגלאנד: **0330-350-3110**
פעקס: **718-650-2970**
פאר הערות דרוק 3
**קול אוצר יהודא**
ברוקלין: **718-298-4641**
ארץ ישראל: **072-2223419**
***79→2→1→11→16.5***

# • ברכת מזל טוב •

הר"ר **יודא לייב וויינשטאק** הי"ו
לנישואי בנו החתן **שמחה** נ"י
עב"ג בת הר"ר **יואל ניישטיין** הי"ו (ב"ר אפרים)
**ליל שישי ויגש ו' טבת - באולם פרדס צבי**

KolSatmar.com

א

# קושיות ודקדוקים בסוף המשנה ותחלתה

[בסוף המשנה (עוקצים ג, יב): **עתיד הקדוש ברוך הוא להנחיל לכל צדיק וצדיק ש״י**][א] **עולמות**, [שנאמר] **לְהַנְחִיל אֹהֲבַי ׳יֵשׁ׳ וְאֹצְרֹתֵיהֶם אֲמַלֵּא** (משלי ח, כא).

ב

## קושיא א

*להבין יתור הלשון לְכָל צַדִּיק ׳וְצַדִּיק׳*

א) [ובאומרו] **לְהַנְחִיל לְכָל צַדִּיק**, [יש להבין יתור הלשון] **לְכָל צַדִּיק ׳וְצַדִּיק׳**, [דכיון שכבר אמר] **׳לְכָל׳ צַדִּיק, פאַרוואָס חַזֶר׳ט ער עפּעס איבער לְכָל צַדִּיק ׳וְצַדִּיק׳**[ב].

ג

## קושיא ב

*במפרשים ביארו החשבון של ש״י עולמות, דהוא לפי חציו של מנין תרי״ג וז׳ מצות דרבנן*

**לְהַנְחִיל אֹהֲבַי ׳יֵשׁ׳, ס׳טרעפט אָן** [כמנין ש״י].

**מאַכט מען דעם חֶשְׁבּוֹן**[ג] [של מנין ש״י דוקא, ווייל] **לויטן חֶשְׁבּוֹן פון די תרי״ג מצות איז עס די העלפט**, [דביחד עם הז׳ מצות דרבנן הם תר״כ] **כֶּתֶ״ר, קומט אויס די העלפט** [פון תר״כ] **איז שַׁ״י. איז גוט, איז רעכט** [דער חשבון].

ד

*אבל צריך ביאור דכיון שכבר אמר הכתוב לְהַנְחִיל אֹהֲבַי ׳יֵשׁ׳ עולמות, מה מוסיף עוד באומרו וְאֹצְרֹתֵיהֶם אֲמַלֵּא*

ב) [אמנם אכתי יש להבין דלפי זה] **וואָס איז דער וְאֹצְרֹתֵיהֶם אֲמַלֵּא** [וואָס ער זאָגט **נאָכאַמאָל. אַז ס׳שטייט לְהַנְחִיל אֹהֲבַי ׳יֵשׁ׳**, [משמע] **׳דאָס׳ איז דאָך עס**, [און] **נישט מער**, [ואם כן] **וואָס זאָגט ער נאָכאַמאָל וְאֹצְרֹתֵיהֶם אֲמַלֵּא.**

---

[א] כאן מתחיל הריקאָרדינג.

[ב] **ועיין בתוספות יום טוב** (עוקצין שם) **שעמד בזה.**

[ג] עיין **בתפארת ישראל** (שם) **בשם אביו** [הג״ר גדליה ליפשיץ ז״ל, מחבר כמה ספרים] וז״ל: **ולאאמ״ו הגאון זצוק״ל**, מנין ש״י הוא החצי מכל מנין המצות שצונו ה׳, דהן **תרי״ג** מצות המפורשות בתורה, ועוד **ז׳ מצות דרבנן** וכו׳. נמצא שכל המצות דאורייתא ודרבנן הם יחד **תר״ך**, והם ׳**כתר**׳ תורה. אמנם מדכתיב (איוב מא, ג) **מִי הִקְדִּימַנִי וַאֲשַׁלֵּם, דהקב״ה מסייענו לקיים מצותיו, לכן אין ראוי לאדם לקבל רק חצי השכר, דהיינו כמנין ש״י.**

ועיין קרוב לזה ובאופן אחר **בקב הישר** (פרק יד) וז״ל: ולכך נראה לי שזהו רמזו רז״ל במאמרם לעתיד **הקב״ה מנחיל לכל צדיק וצדיק ש״י עולמות** וכו׳. שמעתי הפירוש כך, כי כבר אמרנו לעיל שכיון שהאדם עושה מצוה אחת נברא ממנו מלאך אחד, וקיימא לן (חולין צא:) כל מלאך אחד הוא שני אלפי פרסאות שנאמר (דניאל י, ו) וּגְוִיָּתוֹ כְתַרְשִׁישׁ, וגמירי דתרשיש הוי תרי אלפי פרסאות. ואם כן באשר שיש לנו **תרי״ג מצות התורה וז׳ מצות דרבנן, כמנין ׳כתר׳**, ואם כן כשישראל שומרים מצות התורה ומצות דרבנן יש לו **תר״ך מלאכים**, והנה קי״ל בעולם הזה יש לנו דין אלמנה, ולכן כתיב (איכה א, א) **אֵיכָה יָשְׁבָה בָדָד הָעִיר רַבָּתִי עָם הָיְתָה כְּאַלְמָנָה**, על שם אלמנה שיש לה כתובה מנה, משא״כ לעתיד יהיה לנו כתובה שליש תוספת כדין בתולה, כמו שאמר הכתוב (עמוס ה, ב) קוּם בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל. והנה החשבון **תר״ך מלאכים** עולים למנין ר׳ עולמות, כי קיימא לן דג׳ מלאכים הן עולם אחד, כי העולם הוא שית אלפי פרסי, ך׳ מלאכים עולין למנין ששה עולמות וב׳ שלישי עולם, וא״כ אם תשים עליה השליש כמו הדין בתולה שיש לה שליש הוספה, תוסיף על ר׳ שליש יהיה ש׳. ואם תוסיף על ששה עולמות שליש יהיה תשעה, ואם תוסיף על ב׳ שלישים שליש א׳, יהיה עולם אחד. צרפם יחד, ותמצא **עולין לחשבון ש״י עולמות**. יהי רצון שנהיה גם אנו מן הזוכים אמן.

וכן הביא **החיד״א בדבש לפי** (מערכת ש׳, אות ב) וז״ל: **ש״י עולמות**. אמרו בשם הגאון **ר׳ ליב זינציץ** ז״ל, כי **תרי״ג מצות דאורייתא וז׳ דרבנן הם כת״ר**, ובכל מצוה נברא מלאך, הם כת״ר מלאכים, ומלאך הוא שליש עולם, אם כן כתר מלאכים הם ר״ו עולמות ושני שלישים, ותוספת כתובה שליש, הם ש״י עולמות וכו׳. [והובא דבריו **בבני יששכר** (חנוכה ה, י)].

KolSatmar.com

ה

**קושיא ג-ד**

להבין מה שאמרו **לא מצא** הקב״ה כלי מחזיק ברכה **׳אלא׳** השלום, והלא מהפסוק נשמע רק הא דהשלום הוא מחזיק ברכה, אבל מהיכן למדו לשלול שלא מצא כלי מחזיק ברכה אחרת אלא זו בלבד, ומהו הכוונה בזה

[ועוד שם בהמשך המשנה, אמר רבי שמעון בן חלפתא] **לא מצא הקדוש ברוך הוא כלי מחזיק ברכה לישראל, אלא השלום, שנאמר** (תהלים כט, יא) **ה׳ עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן ה׳ יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם.**

**ג)** [ויש להבין] **קודם, וויאַזוי איז געדרינגען פון דאַנעט אַז לא מצא כלי מחזיק ברכה** [׳אלא׳ השלום. והיה לו לומר] **הקדוש ברוך הוא האָט ׳געגעבן׳ אַ כלי מחזיק ברכה,** [ווי] **ס׳שטייט ה׳ עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן ה׳ יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם.** [אָבער] **אַז לֹא ׳מָצָא׳** [אלא השלום בלבד, דעס] **שטייט נישט** [בהפסוק]**. ער זאָגט דאָך עפּעס צי אַז לא מצא, ער האָט נישט געטראָפן קיין אַנדערע.**

ו

גם צריך ביאור להבין לשון לֹא ׳מָצָא׳, דלשון מציאה הוא רק בדבר הבא בהיסח הדעת

**ד)** [ועוד צריך ביאור דהלשון] **לֹא ׳מָצָא׳, איז דאָך עפּעס לשון מְצִיאָה, ער האָט דאָ ׳געפונען׳. אַ** [לשון] **׳מְצִיאָה׳, זעט אויס, אַ מְצִיאָה** [שבא ׳בהיסח הדעת׳, וואָס] **איך האָב מיך נישט גירעכט[ד] דערויף,** [נאָר] **מ׳האָט עס באַקומען אַ ׳מְצִיאָה׳[ה].**

ז

**קושיא ה**

[ובתחלת המשנה (ברכות א, א) איתא] **מאימתי קורין את שמע בערבית, משעה שהכהנים נכנסים לאכול בתרומתן.**

**פרעגט דאָרטן די גמרא[ו],** [כהנים] **מֵאֵימַת קָא אָכְלִי** [בתרומה, משעת צאת הכוכבים]**, לִיתְנֵי פון צֵאת הַכּוֹכָבִים.** [ומתרץ] **מִילְּתָא אַגַּב אוֹרְחֵיהּ** [קמשמע לן]**, אַז** [אפילו] **ער האָט נישט געברענגט נאָך קיין קָרְבָּן** [והוא מחוסר כיפורים, מותר לאכול בתרומה בהערב השמש]**.**

ח

להבין למה תלה המשנה זמן קריאת שמע דערבית, במה שהכהנים אוכלים בתרומתם. והלא ישנם עוד הרבה דברים שהתחלת זמנם הוא מצאת הכוכבים

**ה)** [ומכל מקום עדיין צריך הסבר] **וואָס הענגט ער עפּעס אָן כֹּהֲנִים אין דעם** [בזמן קריאת שמע דערבית, דצריך הסבר] **דאָך וואָס פאַר אַ שייכות** [יש מזה לזה]**, וויילביידע איז** [דער זמן פון] **צֵאת הַכּוֹכָבִים.** [והרי] **ס׳איז דאָ נאָך אַנדערע זאַכן אויכעט וואָס ס׳איז געוועָנדט אין צֵאת הַכּוֹכָבִים.**

[וכגון] **טאַקע ׳חֲנוּכָּה לעכט׳ איז אויך פון צֵאת הַכּוֹכָבִים, ווייל לכתחילה[ז] איז**

---

[ד] **פירוש: גערישט, גערעכטן.**

[ה] **כמבואר בגמרא סנהדרין** (צז:)**: תנינא שלשה בָּאִין בהיסח הדעת, אלו הן, משיח, מציאה, ועקרב.** [ועיין בזה בלשון הייטב לב בשם הישמח משה, המובא להלן בהערה יח].

[ו] **בגמרא ברכות** (ב.)**: אמר מר משעה שהכהנים נכנסים לאכול בתרומתן, מכדי כהנים אימת קא אכלי תרומה, משעת צאת הכוכבים, ליתני משעת צאת הכוכבים. מלתא אגב אורחיה קמשמע לן, כהנים אימת קא אכלי בתרומה, משעת צאת הכוכבים** [פירש״י: שהוא גמר ביאת השמש, כדיליף לקמן (ב:)]**, והא קמשמע לן דכפרה לא מעכבא, כדתניא וּבָא הַשֶּׁמֶשׁ וְטָהֵר** (אמור כב, ז)**, ביאת שמשו מעכבתו מלאכול בתרומה, ואין כפרתו מעכבתו מלאכול בתרומה.**

[ז] דרק בשעת הדחק יכול להדליק מפלג המנחה ולמעלה, כמבואר **בשלחן ערוך** (או״ח תרעב, א. והובא להלן)**, או** בערב שבת וכדלהלן.

KolSatmar.com

דאָך [זמן ההדלקה] **משתשקע החמה**[ח], [וואָס דאָס] **מיינט מען די צווייטע שקיעה**[ט], [אַז] **ס'זאָל ווערן 'נאַכט', איז אויכעט איז דער זמן פון צֵאת הַכּוֹכָבִים.**

**- דעס איז דאָך נאָר 'הֶכְשֵׁר מִצְוָה' וואָס מ'צינדט אָן פרייטאָג**[י] [מבעוד יום], **אָבער אליבא דאמת ברויך עס צו זיין** [מצאת הכוכבים]. -

**און אַזוי אַסאַך זאַכן**[יא], **די אַלע מצות הלילה זענען פון צאת הכוכבים.** [והיה יכול לתלות דין כהנים במצוה אחרת שבלילה, ולמה תלה דין כהנים בדין קריאת שמע דוקא].

ט

קושיא ו - **מתוך הדרוש**

**ו)** [וגם ראוי לבאר קישור ושילוב סוף המשנה לתחלתה]. (התירוץ בדברי רבינו, באות כז)

י

# ישוב הקושיות

## הקדמה לישוב הקושיות

באמרות טהורות להנועם מגדים, מפרש הפסוק ה' עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן וגו', על פי מה שפירשו הא דנכרי אחד בא להלל להתגייר על מנת שילמדנו התורה כולה על 'רגל' **אחת**, דהיינו שיתקן הכל בגלגול אחד. ועל זה השיב שיקיים **וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ**, וע"י השלום יהא נחשב לו גם המצות שמקיימים חבריו, ולא יצטרך עוד להתגלגל בכדי להשלים קיום כל התרי"ג מצות

**קען זיין דאָס עִנְיָן.**

[דהנה] **ס'שטייט אין נועם מגדים, שטייט אין אמרות טהורות**[יד] (תהלים כט, יא), **- איז דאָ פונעם נועם מגדים, איז דאָ תהלים אמרות טהורות,** - [ומפרש] **אויף** [דעם פסוק] **ה' עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן ה' יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם.**

יא

[דהנה] **זיי ברענגען דאָך אַלע**[יב], [בענין המובא בגמרא[יג] בגר שבא לפני הלל] **דעס וואָס ער האָט געזאָגט** [גיירני על מנת] **שתלמדני התורה כולה על רגל אחד, האָט ער אים געזאָגט וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ** (קדושים יט, יח).

---

[ח] כמבואר **בגמרא שבת** (כא:): **מצותה משתשקע החמה עד שתכלה רגל מן השוק.**

[ט] כמבואר **שיטת רבינו תם בתוספות** (שבת לה: ועוד בכ"מ) **דתרי שקיעות יש, ושהלשון 'משתשקע' החמה, היינו סוף השקיעה שהוא צאת הכוכבים. ובתוספות מנחות** (כ: ד"ה נפסל) **הביא ר"ת ראיה לזה מנר חנוכה, וז"ל: ותירץ רבינו תם 'דמשתשקע החמה' משמע סוף שקיעת החמה, שכבר שקעה החמה, אבל 'משקיעת החמה' משמע מתחילת שקיעה, תדע מדאמרינן** (שבת כא:) **גבי נֵר חֲנוּכָּה מצותה 'משתשקע החמה', ואי בתחילת שקיעה עדיין הוא יום גדול, והוה שרגא בטיהרא.**

וכן נפסק בטור הל' חנוכה (או"ח סימן תרעב): **מצותה מסוף שקיעת החמה וכו'. - ובשלחן ערוך** (שם, א): **אין מדליקין נר חנוכה קודם שתשקע החמה, אלא עם סוף שקיעתה, לא מאחרים ולא מקדימים. ויש מי שאומר שאם הוא טרוד יכול להקדים מפלג המנחה ולמעלה, ובלבד שיתן בה שמן עד שתכלה רגל מן השוק. - ובמגן אברהם** (שם, א): **סוף שקיעתה. היינו צאת הכוכבים, כמ"ש סימן תקס"ב. ב"ח.** [וכן מבואר בתרומת הדשן (סימן קב), וטורי זהב (תרעא, ה. תרעג, ט) בשם המרדכי].

[י] כמבואר **בבית יוסף** (או"ח סימן תרעט) **ומגן אברהם** (שם, ב) **בשם התרומת הדשן** (סימן קב). **וכן פסק בשלחן ערוך** (שם, וסימן תרעג, ב). **ועיין עוד בטורי זהב** (תרעג, ט) **מה שהאריך בזה, ובשו"ת חתם סופר** (ח"ו סימן ז), **ובשו"ת שואל ומשיב** (תנינא ח"ב סימן כד).

[יא] **וכמבואר במשנה וגמרא מגילה** (כ:), **עיי"ש. ועיין בשלחן ערוך ונו"כ** (או"ח תעב, א. תרלט, ג. יו"ד קצו, א).

[יב] **באמרות טהורות הביא זאת בשם לוית חן, וכן הוא בעוד ספרים. ובישמח משה הביא זאת בכ"מ בשם ספר בית שמואל אחרון, וז"ל הישמח משה בפרשת שמות: דהנה בבית שמואל אחרון** (פרשת שמות) **כתב לפרש הא דאיתא במסכת שבת** (לא.) **באחד שבא לפני שמאי ואמר גיירני על מנת שתלמדני כל התורה כולה כשאני עומד על רגל אחד, דחפו באמת הבנין שבידו, אתא לקמיה דהילל, גיירו, אמר לו כל מה דעלך סני לחברך לא תעביד, זו היא כל התורה כולה, ואידך פירושא היא זיל גמור. ופירש רש"י** (ד"ה דעלך) **שיקיים וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ, ובזה**

KolSatmar.com

[וביארו בזה, כי הגר ביקש מהלל] ער זאָל מקיים זיין די גאַנצע תורה [באופן וואָס] מ׳זאָל נישט דאַרפן נִתְגַּלְגֵּל ווערן, אין איין ׳רֶגֶל׳ [היינו בגלגול אחד. שהרי]. ס׳איז דאָך דאָ מִצְוֹת וואָס מ׳קען נישט מְקַיֵּם זיין, כְּהוּנָּה און לְוִיָּה, וואָס אַ יִשְׂרָאֵל קען נישט מְקַיֵּם זיין, און נאָך אַזעלעכע מִצְוֹת וואָס מ׳איז נישט זוכה אַז ס׳זאָל קומען אין די הענט, נו וואָס טוט מען אַז מ׳זאָל נישט דאַרפן נאָכאַמאָל [להתגלגל]. זאָגט ער [למדני] כל התורה כולה על רגל אחת, איך זאָל נישט דאַרפן נאָכאַמאָל [אַראָפּקומען].

האָט ער אים געענטפערט וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ. וואָרן אַז מ׳האָט הִתְחַבְּרוּת מיט יענעם, איז זיך מִצְטָרֵף, דער טוט ׳די׳ מִצְוָה און דער טוט ׳די׳ מִצְוָה, איז דאָס אויף יעדן גערעכנט [ב׳ המצות, ווייל] וויבאַלד מ׳האָט הִתְחַבְּרוּת, טוט מען דאָס צוזאַמען.

יב

וזהו שנאמר ה׳ עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן, זו תורה. והאיך יקיים כל התורה, לזה אמר ה׳ יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ ׳בַשָּׁלוֹם׳

אַזוי שטייט דאָרט אין תהלים פון נועם מגדים[יד] [דזה ביאור הפסוק ה׳ עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן, זו התורה[טו], ואם תאמר האיך יוכל כל אדם לקיים כולה, לזה אמר ה׳ יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ ׳בַשָּׁלוֹם׳, ועל ידי השלום נחשב גם המצות של חביריו עליו].

יג

### ישוב קושיא א-ב

והנה לפי האמור דחשבון שַׁ״י עולמות הוא לפי חשבון תרי״ג, על כרחך הוא גם כן משום שעל ידי השלום והתחברות נחשב להצדיק כאילו קיים כל התרי״ג. ולזה נקטו הלשון עתיד הקב״ה להנחיל לכל ׳צדיק וצדיק׳ שַׁ״י עולמות, והיינו בצירוף צדיקים אחרים שמקיימים יתר המצות. וזהו גם כן מה שמוסיף הפסוק וְאֹצְרֹתֵיהֶם ׳אֲמַלֵּא׳, דהכוונה שאשלים להם גם אותן המצות שלא יכלו לקיימם בעצמם

דאָס קען זיין אפשר דער פְּשַׁט.

שַׁ״י עולמות איז דאָך דער חשבון [ווייל ס׳איז] די העלפט פון די תרי״ג מצות, נו קען דען יעדערער מקיים זיין [כל התרי״ג מצות], אלא מאי איז דאָך אויך נאָר [הכוונה] דורך הִתְחַבְּרוּת.

---

יקיים כל התורה כולה, עד כאן. ○ והנה תמוה מאד על הגר הזה, מה ראה לשטות זה לומר שילמדנו כל התורה כולה כשהוא עומד על רגל אחד. ועוד קשה איך נכלל כל התורה במצות וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ, ופירוש רש״י דחוק. ○ ופירש הוא ז״ל, **דהנה איתא דכל אחד מישראל צריך לקיים כל התרי״ג מצות, וצריך להתגלגל עד שיקיים כולן**, והנה הגר הזה רצה להתגייר רק באופן שיקנה שלימות בפעם הזאת שהוא בעולם, ולא יצטרך שוב להתגלגל, ויהיה עומד שם אחר פטירתה במנוחה ועונג ועידון, ורגל הוא לשון פעם, כמו שָׁלֹשׁ רְגָלִים (בלק כב, כח). וזה אומרו גיירני על מנת שתלמדני כל התורה כולה כשאני עומד על רגל אחד, רצ״ל שאוכל לקיים בפעם אחד, בפעם הזאת שאני עומד בעולם הזה, ולא אצטרך שוב להתגלגל. **דחפו באמת הבנין**, דזה דבר שאי אפשר הוא, דהרי אין יכול לקיים מצות כהנים, ומצות יבום וכדומה. והנה איתא בספרים דמי שמקשר עצמו עם כל אחד מישראל כנפשו, הרי נחשב כגוף אחד עם כל ישראל, וכל מה שמקיים אחד מישראל כאלו קיים הוא, ומפרשין על פי זה המשנה (שבת ק.) ספינות קשורות זו בזו, מטלטלין מזו לזו, והבן. וזה אשר השיב לו הילל כל מה דעלך סני לחברך לא תעביד, זו היא כל התורה כולה, שבמצות שיעשה חבירך תצא ידי חובתך גם אתה, עד כאן דבריו ובתוספת נופך וכו׳.

[יג] בגמרא שבת (לא.). וכבר הובא דברי הגמרא לעיל בתוך לשון הישמח משה.

[יד] בתהלים אמרות טהורות (כט, יא): ה׳ עוֹז כו׳. על דרך הכתוב בספר לוית חן לפרש מה שאמרו ז״ל שבת (לא.) למדני תורה על רגל אחד, דהיינו בלי גלגול, ועל זה השיב וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ, וכולם יוחשבו לגוף אחד, ואיש את אחיו ואת רעהו יעזורו, כל מה שאחד עושה מצוה, נחשב גם לאחרים כאלו עשאום, עיין שם. ○ וזהו כוונת הכתוב, ה׳ עוֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן, דהיינו התורה שנקראת עוֹז כמו שדרשו ז״ל, **אך לכאורה הוא דבר שאי אפשר לקיים כל אחד מישראל תרי״ג מצות, ובפרט שיש מצות שנוהגים בישראל לבד, לא בכהנים** [לכצ״ל בכהנים לבד, לא בישראל], ועל זה אמר ה׳ יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ ׳בַשָּׁלוֹם׳, **ואם כן נחשב לכל אחד גם מעשה המצות של חבירו כנ״ל.**

[טו] כמבואר בגמרא זבחים (קטז.), ועוד.

KolSatmar.com

[וזה שאמרו דעתיד הקב״ה להנחיל] **לכל ׳צדיק וצדיק׳ שַׁ״י עולמות,** [דאם היה אומר רק לכל ׳צדיק׳] **וועט מען מיינען** [אַז מ׳רעדט פון] **דער וואָס ער האָט שוין מקיים געווען תרי״ג מצות, איי ווען ער קאָן נישט, ווערט ער נאָכאַמאָל מגולגל.**

**זאָגט מען אָבער ניין,** [לְכָל ׳צַדִּיק וְצַדִּיק׳] **פאַר יעדן צדיק עקסטער איז דאָ די גאַנצע שַׁ״י עולמות, ווייל אַז איך רעכן** [פאַר] **יעדן** [אַלעס, איז ביי יעדן] **לְהַנְחִיל אֹהֲבַי ׳יֵשׁ׳.**

**איי נישט יעדער** [יכול לקיים הכל בעצמו]**, זאָגט מען ניין, וְאֹצְרֹתֵיהֶם ׳אֲמַלֵּא׳, מ׳פילט עס** [אָן]**, מ׳דערזועצט**[טז] **דאָס** [על ידי שחבירו קיים יתר המצות, מכיון שהיו בשלום ובאחוה זה עם זה].

יד

הקדמה לישוב קושיא ג-ד - **בביאור הגמרא יגעתי ׳ומצאתי׳ תאמין**

**דעס קען זיין** [גם באומרו] **לא מצא הקדוש ברוך הוא כלי מחזיק ברכה.**

[דהנה] **אַ איד אַז מ׳פלאָגט זיך אויף אַ מִצְוָה, האָט מען זיך מייגע געווען** [על אותה מצוה]**, דעס איז דאָך נישט** [דעתו באותה שעה על מצות אחרות, אבל הוא ׳מוצא׳ גם אותם, כמציאה הבא בהיסח הדעת] (וכדלהלן באות יז).

טו

בישמח משה דקדק על לשון הגמרא יגעתי ׳ומצאתי׳ תאמין, דלכאורה הרי מציאה הוא רק בהבא בהיסח הדעת, ואם נתייגע עליה האיך נקרא בלשון מציאה. ומתרץ דבזמן אחר מוצא להבין בתורה יותר ממה ממה שעלתה לו לפי יגיעתו

[דהנה] **געווענטליך** [מציאה הוא רק בהיסח הדעת. וכמו שמצינו וואָס] **ס׳שטייט**[יז] **יגעת ׳ומצאת׳** [תאמין]**, פרעגט מען די קַשְׁיָא, דער ישמח משה**[יח]**, אַז די יְגִיעָה איז דאָך נישט קיין מְצִיאָה,** [שהרי] **אַ מְצִיאָה איז דאָך נאָר ׳אַזוי׳** [כשבא ׳בהיסח הדעת׳][ה]**.**

**זאָגט ער, אַז דו ווערסט דיך פלאָגן** [על התורה, ווערסטו ׳טרעפן׳ שכליות והבנות חדשות] **אַן אַנדערס מאָל** [שלא בשעת היגיעה]**. אַזוי זאָגט דער ישמח משה.**

טז

ולדרכינו יש לפרש דקאי על קיום המצות, והכוונה שאם מתייגע לקיים המצות שבידו לקיימן,
הוא ׳מוצא׳ אחר כך שנחשבו לו גם המצות שקיימו חביריו, והוא על ידי מדת השלום וההתחברות

**נאָר לויט דעם** [לפי האמור לעיל בשם האמרות טהורות] **קאָן מען זאָגן אַנדערש.**

---

[טז] פירוש: מלשון ׳ערזעצן׳, להשלים.

[יז] **בגמרא מגילה** (ו:)**:** אמר רבי יצחק, אם יאמר לך אדם, יגעתי [בתורה] ולא מצאתי, אל תַּאֲמֵן, לא יגעתי ומצאתי אל תַּאֲמֵן, יגעתי ומצאתי תַּאֲמֵן וכו׳. ולדברי תורה לא אמרן אלא לחדודי, אבל לאוקמי גירסא [פירש״י: שלא תשתכח ממנו] סייעתא מן שמיא היא. ○ [ורבינו היה רגיל לומר מאמר זה בלשון נוכח ׳יגעת ומצאת׳, והוא כלשון התפלה למשה דלהלן, וכן הוא בכמה ספרים].

[יח] **בתהלים תפלה למשה** (קיט, קסב אות ב) [בשם החן טוב פרשת יתרו]**: כי התורה אינו בא רק על ידי יגיעה, כאמרם ׳יגעת ומצאת׳ תאמין, ואף על פי כן אינו בא על יגיעה מעט, רק שמצטער עצמו הרבה להבין, ואינו מכיר האמת ואינו מוצא הכל** [לפעמים]**, וברגע אחד** [לאחר זמן] **נפתחין לו שערי אורה, אורות גדולים מאוד, והרי זה כמציאה אחר היגיעה. וזה להורות כִּי לֹא בְכֹחַ יִגְבַּר אִישׁ, כי אם לה׳ הישועה, והוא לא יתננו כי אם למי שעמל בה, כדי שתקרא על שמו.**

וביתר ביאור מובא זה **בייטב לב** (ריש כי תצא) **בשמו וז״ל: כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה וגו׳ ׳וּנְתָנוֹ׳ וגו׳. ׳וימסרנו׳ היה לו לומר, מה זה לשון נתינה.** ○ **ונראה לי על פי ששמעתי ממורי זקיני זלה״ה** [הישמח משה] **שפירש מאמרם** (מגילה ו:) **׳יגעתי ומצאתי׳ תאמין, דשני אלו סותרים אהדדי, דמציאה בא בהסח הדעת, ולא ביגיעה. אבל הענין, דאם האדם מייגע עצמו בתורה בעיון רב, אם שלפעמים יעלה חרס בידו, שוב אחרי זה יבין וישכיל המצאה נפלאה, והוא מַתַּת אֱלֹקִים בקרבו. וזהו שאמרו יגעתי, ואחר זה מצאתי בהיסח הדעת, תאמין, עד כאן דבריו.** ○ **וכן הענין נגד יצר הרע, אמר הכתוב כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ, אם שתעלה חרס בידך, שוב אחר שתעשה את שלך אז וּנְתָנוֹ ה׳ אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ, בבחינת נתינה ומתנה, כדכתיב** (תהלים לז, לב-לג) **צוֹפֶה** [רָשָׁע לַצַּדִּיק] **וגו׳ ה׳ לֹא יַעַזְבֶנּוּ** (עיין קידושין ל:)**, והבן.**

KolSatmar.com

**מ׳איז זיך מְיַגֵּעַ** [על המצות שהוא יכול לקיימן], **און דערנאָכדעם דורך הִתְחַבְּרוּת האָט מען יענעמ׳ס מִצְוֹת** [אויך, און] **אויף יענעמ׳ס מִצְוֹת האָט מען זיך אָבער נישט געפלאָגט. געפלאָגט האָט מען זיך נאָר אויף די מִצְוֹת וואָס ער האָט געטון,** [והמצות של אחרים] **דעס טרעפט מען שוין אַ מְצִיאָה.**

**דאָס זאָגט ער יָגַעְתָּ וּמָצָאתָ תַּאֲמִין, אַז דו וועסט דיך מְיַגֵּעַ זיין אויף די מִצְוֹת וואָס ׳דו׳ קענסט טון, וועסטו נאָך טרעפן מְצִיאוֹת** [שיהיה בידך גם זכות מצות אחרות].

יז

**ישוב קושיא ג-ד**

ועל דרך מבואר גם דברי המשנה לא **׳מצא׳** הקדוש ברוך הוא כלי מחזיק ברכה, שבדרך מציאה יוכל ליתן שכר גם על המצות שלא היה בידו לקיימן בעצמו, **אֶלָּא ׳הַשָּׁלוֹם׳**, שעל ידי שלום ואחוה נחשב להצדיק גם יתר המצות שקיימום אחרים

**איבערדעם זאָגט ער לא ׳מצא׳ הקדוש ברוך הוא כלי מחזיק ברכה, אַז מ׳זאָל, דער בורא כל עולמים זאָל טרעפן ביי אידן אַ ׳מְצִיאָה׳** [יותר ממה שעשו בעצמם], **דאָס איז נאָר אֶלָּא הַשָּׁלוֹם, דעס איז נאָר** [דורך שלום והתחברות], **שנאמר ה׳ עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן ה׳ יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם, אַזוי ווי ער טייטשט דער אמרות טהורות,** [ה׳ עוז לעמו יתן] **אַז דער בורא כל עולמים האָט געגעבן די תורה, נאָר וואָס דען, ס׳איז אָבער דאָ נאָך מִצְוֹת וואָס מ׳קען נישט מְקַיֵּם זיין,** [איז] **ה׳ יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ ׳בַשָּׁלוֹם׳** [ועל ידי השלום יהא נחשב עליו כאילו קיים גם המצות שעשו חביריו].

יח

הקדמה לישוב קושיא ה

[ועל דרך זה נבוא לביאור תחלת המשנה] **מאימתי קורין את שמע בערבית משעה שהכהנים נכנסין לאכול בתרומתן.**

יט

המפרשים הקשו דהכהנים הנכנסים לאכול בתרומתן, מתי יקראו קר״ש, והלא אסור להתחיל בסעודה קודם קר״ש

[דהנה] **זיי פלאָגן זיך**[כ] **דאָ לעולם, דער צל״ח**[כא] **שמועסט דערפון,** [דלכאורה] **וואָס טוען די כֹּהֲנִים, אַז זיי עסן** [תרומתם בשעת צאת הכוכבים] **׳ווען׳ זאָגן זיי קְרִיאַת שְׁמַע,** [והלא אסור להתחיל בסעודה קודם קריאת שמע].

**תוספות פרעגט**[יט] **אויפן עָנִי גופא** [מתי יתפלל]. **פרעגט מען**[כ] **די קַשְׁיָא, וואָס פרעגט תוספות נישט נאָך אויף די משנה** [באכילת כהנים, דמתי יקראו ויתפללו].

כ

**און דעס וואָס מ׳ענטפערט**[כ] [משום דבהמשנה יש לומר דהכוונה משעה שהכהנים] **׳רשאין׳** [לאכול, אבל לעולם קורין קריאת שמע מקודם. על זה קשה] **ס׳שטייט דאָך ׳נכנסין׳ לאכול,** [דמשמע שהם אוכלין בפועל].

---

[יט] **דבגמרא שם** (ב:) איתא ברייתא, מאימתי קורין את שמע בערבין, משהעני **נכנס לאכול פתו במלח וכו׳. ועל זה כתבו בתוספות שם וז״ל: תימה, עָנִי גוּפֵיהּ מתי יתפלל, דהא אמרת זמן אכילתו היינו זמן קריאת שמע, וכיון שבא זמן קריאת שמע אסור להתחיל בסעודה עד שיתפלל ברישא, כדתניא לקמן** (ד: והובא להלן) **וקורא קריאת שמע ומתפלל ואוכל פתו ומברך וכל העובר על דברי חכמים חייב מיתה. ○ ויש לומר דזמן תפלה הוי קודם לזמן סעודה, דלאו דוקא משעני נכנס לאכול, אלא פורתא מעיקרא קאמר, שעד שיכינו לו סעודתו יקרא ויתפלל.**

[כ] **במהרש״א שם** (ב:): **בד״ה משעה שעני כו׳ עני גופא מתי יתפלל כו׳ כיון שבא זמן ק״ש כו׳ עכ״ל. אבל אמתני׳ דקתני משעה שהכהנים כו׳, לא תקשי להו דהאיך יאכל אָז תרומה, דאסור להתחיל בסעודה כו׳. דיש לומר דהכי קאמר משעה שהכהנים כו׳, דהיינו שמותרים לאכול בתרומה ואין להם טומאה עוד. ומיהו ודאי**

KolSatmar.com

כא

ובצל"ח מתרץ דמצות אכילת תרומה נחשב כעבודה, כמבואר בגמרא בעובדא
דרבי טרפון, ולכן דוחה מצות קריאת שמע, ומותרין לאכול בתרומתן קודם קר"ש

**ווייל ער זאָגן** [בצל"ח][כא] **אַז ניין, קאָן טאַקע זיין** [אַז] **אֲכִילַת תְּרוּמָה איז דוֹחֶה דעם זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע.** (המשך דברי הצל"ח, באות כג)

כב

**הגם בְּפַשְׁטוּת קְרִיאַת שְׁמַע איז דאָך אויך** [אַ] **דאורייתא, זאָגן זיי**[כב] [בפוסקים, ואף פרשת והיה אם שמוע, ועכ"פ פרשה ראשונה לכל הדיעות הוא מדאורייתא][כג]**. אָבער אף על פי כן קען זיין ווייל ער האָט צייט** [לקרות] **שפּעטער אפשר, צום סוף** [לאחר הסעודה]**.**

**הגם ס'שטייט**[כד] [אַז] **די חֲכָמִים האָבן** [זייער] **מַחְמִיר געווען** [בענין זה, כדין] **מ'זאָל נישט זאָגן אַז אוֹכֵל קִימְעָא וְאֶשְׁתֶּה קִימְעָא** [וחוטפתו שינה ונמצא ישן כל הלילה]**. קען זיין אָבער** [אַז] **וועגן 'דעם' האָט מען נישט** [גוזר געווען בתרומה וקדשים, אלא רק בחולין]**.**

כג

**ברענגט ער** [בצל"ח] **אַז די גמרא זאָגט**[כה]**, אַז רבי טרפון, ער איז נישט געקומען**

---

אסירי להתחיל בסעודה משום זמן קריאת שמע. אבל משהעני נכנס לאכול פתו במלח כו' משמע שאז דרכו לאכול, כפירוש רש"י משום שאין לו נר, ואהא קשיא להו שפיר מתי יתפלל כו', ודו"ק.

[כא] **בצל"ח** (ברכות ב.): **משעה שהכהנים נכנסים לאכול בתרומתן. ואף שאסור לאכול משהגיע זמן קריאת שמע, ועיין עמוד ב' בתוס' בד"ה משעה שהעני וכו'** [שהקשו עני גופא מתי יקרא קריאת שמע, וכמו כן יש להקשות על הכהנים]. ○ **אולי הכהנים מותרים לאכול תרומתן אז אפילו בזמן קריאת שמע, כיון שאכילת תרומה מצוה היא, כעבודה עבודה במקדש. והרי רבי טרפון ביטל זמן בית המדרש בשביל אכילת תרומה כמבואר בפסחים דף ע"ג ע"א.** ○ **ולכך לא הקשו התוספות קושייתן על המשנה, ואין אנו צריכין לדברי מהרש"א לקמן ע"ב בדברי התוס'. ולקמן בדברי הגמרא** (ב: ד"ה תוס' ד"ה משעה שהעני) **יבואר עוד.**

וז"ל הצל"ח להלן שם על דברי הגמרא: **תוס' ד"ה משעה שהעני וכו', תימא עני גופיה מתי יתפלל וכו'. וכתב מהרש"א אבל על מתניתין לא קשיא וכו' די"ל דהכי קאמר משעה שהכהנים וכו' היינו שמותרים וכו'. וכבר כתבתי במשנתינו** (ב.) **לדחות דבריו, וכתבתי דבמשנתינו יש לומר דאכילת תרומה שהיא מצוה אינה אסורה אפי' בזמן קריאת שמע, יעו"ש.** ○ **ועוד אני אומר דעל משנתינו לא קשיא להו, לפי מה שכתב המגן אברהם בסימן רל"ה ס"ק ד' בשם הטור דדוקא לקבוע סעודה אסור אבל טעימה מותר, א"כ משנתינו אתי שפיר, וכהנים נכנסים לאכול אכילת עראי ואח"כ יקראו ק"ש, אבל הברייתא צמצמה זמן ק"ש משעה שנכנס עד שעה שעומד לפטור מסעודתו, וסעודתו משמע קבע, ועוד שהרי אכילתו נמשך כל זמן ק"ש ולא נשאר לו שום זמן, ואימת יקרא ק"ש. ואני תמה על התוס' שכתבו שכיון שבא זמן ק"ש אסור להתחיל בסעודה וכו', דלא הוצרכו לזה, דאפי' אם היה מותר להתחיל, היינו ביכול לקרוא אח"כ ק"ש, אבל אם יעבור הזמן אפי' התחיל פוסק. ועכ"פ לפי מה שכתבתי יש ממשנתינו סיוע לדעת הטור, ובפרט לפמ"ש לעיל בחידושינו במשנתינו** (ד"ה מכדי כהנים) **דעל משנתינו לא שייך תירוץ התוס' דכאן, יעויין לעיל בדברינו וכו'.**

[כב] עיין **בפרי חדש** (או"ח סימן סז) **שהאריך טובא בזה, ודעתו דגם פרשת והיה אם שמוע הוא מדאורייתא. וכן** האריך בזה **בשאגת אריה** (סימן א-ב), **והוא מסיק דרק פרשת שמע הוא מדאורייתא, וגם בגמרא וראשונים איכא פלוגתא בדבר, ואכמ"ל. ועיין עוד מה שהאריך בזה במנחת כהן** (מבוא השמש, מאמר ב פרק יג-יד) **דאיכא ג' פלוגתות בזה, אם רק פרשה ראשונה הוא מדאורייתא, ואם גם פרשה שניה, ואם גם פרשת ויאמר. ובשלחן ערוך התניא** (או"ח נח, א) **הביא ג"כ ב' דיעות בזה, וכתב דבעל נפש יחמיר בספק של תורה בכל חילוקי הסברות שבזה, עיי"ש.**

[כג] והוא נמנה בכלל מנין התרי"ג, כמבואר **בספר החינוך** (מצוה תכ), ושאר מוני המצות. אלא שגם בפרשה יש פוסקים שנחלקו אם כל פרשת שמע הוא דאורייתא, או רק פסוק ראשון, אבל עיקר מצות קר"ש בודאי הוא דאורייתא, והדברים ארוכים ואכמ"ל בזה.

[כד] **בגמרא ברכות** (ד:): **דתניא חֲכָמִים עשו סייג לדבריהם, כדי שלא יהא אדם בא מן השדה בערב ואומר אלך לביתי, ואוכל קימעא ואשתה קימעא, ואישן קימעא, ואחר כך אקרא קריאת שמע ואתפלל, וחוטפתו שינה ונמצא ישן כל הלילה. אבל אדם בא מן השדה בערב, נכנס לבית הכנסת, אם רגיל לקרות קורא ואם רגיל לשנות שונה, וקורא קריאת שמע ומתפלל, ואוכל פתו ומברך, וכל העובר על דברי חֲכָמִים חייב מיתה. מאי שנא בכל דוכתא דלא קתני חייב מיתה, ומאי שנא הכא דקתני חייב מיתה, איבעית אימא משום דאיכא אונס שינה, ואיבעית אימא לאפוקי ממאן דאמר תפלת ערבית רשות, קא משמע לן דחובה.**

KolSatmar.com

אין בית המדרש, האָט אים **רבי גמליאל** געפרעגט פאַרוואָס ביזטו [נישט געקומען], האָסט מְבַטֵל געווען [מבית המדרש], האָט ער געענטפערט איך האָב געהאַט אַן [עבודה], **עֲבוֹדָה עֲבַדְתִּי**. האָט ער געזאָגט, **בִּזְמַן הַזֶּה** איז דען דאָ **׳עֲבוֹדָה׳**. זאָגט ער **אֲכִילַת תְּרוּמָה** הייסט אויך **עֲבוֹדָה**[כו], [שנאמר] **עֲבֹדַת מַתָּנָה אֶתֵּן כְּהֻנַּתְכֶם** (קרח יח, ז).

זעט מען דאָך, האָט ער דאָך מְבַטֵל געווען פון בית המדרש **פאַר אֲכִילַת תְּרוּמָה**, [וכמו כן] קען טאַקע זיין [אַז] דער כֹּהֵן **פאַר אֲכִילַת תְּרוּמָה** מוז ער נאָכנישט זאָגן **קריאת שמע** [עד לאחר שיאכל תרומתו].

כד

אמנם לכאורה עדיין יחסר להם מצות קר״ש ׳בזמנה׳, וצ״ל דעל ידי שישראל נותנים להם תרומה,
וזה גורם שלום ואחדות עמהן, עי״ז נחשב להכהנים מצות קר״ש שישראל קורין ׳בזמנה׳

נו לכאורה פעלט דאָך אים דעמאָלטס [אין] **׳דעם זְמַן׳**, [אַז] מ׳דאַרף שוין זאָגן קְרִיאַת שְׁמַע, און ער זאָגט נאָכנישט, פאַרוואָס, ווייל ער טוט אַן אַנדערע **עֲבוֹדָה**. פעלט דאָך אים [ממצות קריאת שמע ׳בזמנה׳].

איז דאָך אָבער לויט ווי איך זאָג דאָ אָט [בסוף המשנה] **אַז ה׳ יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם**, דורך **הִתְחַבְּרוּת** [נחשב עליו גם המצות שקיים חבירו], **ממילא אַז מ׳גיט** [פאַר] **דעם כֹּהֵן תְּרוּמָה**, און דער כֹּהֵן וועט דאָך [דערווייל] ווייטער נישט מְקַיֵּם זיין קְרִיאַת שְׁמַע [בִּזְמַנָּהּ], זאָגט מען אָבער ניין, ער איז אויך מקיים קְרִיאַת שְׁמַע [בִּזְמַנָּהּ], ווייל ער איז דאָך **׳מְחוּבָּר׳** מיט דעם אויס [על ידי קבלת התרומה], מיט די אַלע, מיט די **נוֹתְנֵי תְּרוּמָה** [שהם קורין בִּזְמַנָּהּ].

כה

**ישוב קושיא ה**

ולזה תלה התנא ענין קריאת שמע באכילת הכהנים, להשמיענו
דהכהנים באכילתן תרומה נחשב להם כאילו גם הם קורין קר״ש בזמנה

**זאָגט ער מאימתי קורין את שמע בערבית, פון ווען אָן ׳זאָגט מען׳ קריאת שמע, טאַקע משעה שהכהנים נכנסין לאכול בתרומתן, טאַקע ווען די כהנים גייען עסן תרומה, דעמאָלטס זאָגן זיי קְרִיאַת שְׁמַע, ווייל ס׳איז שוין נֶחְשָׁב, זיי האָבן אויך שוין די מִצְוָה פון קְרִיאַת שְׁמַע אַזוי ווי** [די נותני התרומה שקורין אותה בזמנה], **דורכן הִתְחַבְּרוּת**.

כו

דערציילט ער מיר [אַ חידוש, אַז] נישט נאָר דוקא דעמאָלטס ווען ער זאָגט קריאת שמע, [נאָר] ווען ער עסט טאַקע די תְּרוּמָה.

איבערדעם איז ער דאָס מְחַבֵּר די צווי, די צוויי זאַכן אינאיינעם, ער זאָל מיר דערציילן אַז מ׳זאָל נישט מיינען אַז נישט [שאז אין לכהנים מצות קריאת שמע בזמנה, נאָר] טאַקע דעמאָלטס איז אויך **׳זְמַן׳ קְרִיאַת שְׁמַע** [אף לכהנים עצמן].

---

[כה] **בגמרא פסחים** (עב:): אי נמי שאני תרומה דאיקרי עבודה וכו׳. ותרומה היכא איקרי עבודה, דתניא מעשה ברבי טרפון שלא בא אמש [פירש״י: בערב] לבית המדרש, לשחרית מצאו רבן גמליאל, אמר לו מפני מה לא באת אמש לבית המדרש, אמר לו עבודה עבדתי. אמר לו כל דבריך אינן אלא דברי תימה, וכי עבודה בזמן הזה מנין. אמר לו הרי הוא אומר עֲבֹדַת מַתָּנָה אֶתֵּן אֶת כְּהֻנַּתְכֶם [מתנות כהונה שנתתי לכם הרי הן כעבודה] וְהַזָּר הַקָּרֵב יוּמָת, עשו אכילת תרומה בגבולין כעבודת בית המקדש.

[כו] ורבי טרפון כהן היה.

KolSatmar.com

כז

**ישוב קושיא ו**

ואתי שפיר גם שילוב סוף המשנה לתחלתה, דהכל מיירי
מקיום המצות של אחרים, על ידי מדת השלום וההתחברות

קומט אויס, דאָס איז דער סְמִיכוּת [המשנה], איז דאָס מחובר, נָעוּץ סוֹפוֹ בִּתְחִלָּתוֹ.

ער זאָגט דאָך **לא מצא הקדוש ברוך הוא**, אַז ער האָט געטראָפן **אלא השלום**, [שנאמר] ה׳ יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם, האָט ער אַ ׳מְצִיאָה׳ [שנחשב לון] אפילו וואָס ער טוט נישט.

[און] מהאי טעמא איז מאימתי קורין את שמע בערבית משעה שהכהנים נכנסין לאכול בתרומתן, איז דאָס טאַקע איין זאַך, וואָרן דורכדעם זענען זיי מקיים [אפילו] דעם ׳זמן׳.

כח

**היוצא מזה לענינינו:**

טאַקע דאָס איז דאָך אַזוי..

נו אַז ס׳איז [דאָ] אַ חֶבְרָה, **חברה ש״ס**[כז] און **חברה משניות**, [וואָס] מ׳איז זיך מְחַבֵּר [זה עם זה לדברי תורה. קומט אויס, אויב טאַקע] **אַז יעדערער לערנט** [חלקו], אַז יעדערער לערנט [חלקו] **איז עס גערעכנט, האָט יעדערער עקסטער דאָס גאַנצע**[כח].

איבערדעם איז טאַקע וְאוֹצְרֹתֵיהֶם אֲמַלֵּא, אַז יעדער האָט דאָס גאַנצע, [בתנאי] אַז מ׳לערנט נאָר מיט, האָט מען אים געגעבן די גאַנצע שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנֶה, דורכן הִתְחַבְּרוּת, אַז ס׳איז אויף דעם אוֹפָן.

כט

## ברכת הקודש

דער אייבירשטער זאָל העלפן:

מ׳זאָל זוֹכֶה זיין לִלְמֹד וּלְלַמֵּד.

[און] מ׳זאָל זוֹכֶה זיין צו זען די יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה, בְּהִתְגַּלּוּת כְּבוֹד שָׁמַיִם, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

---

[כז] **ועיין בדברי יואל מכתבים** (ח״א מכתב ס) מכתב חיזוק מרבינו בר״ח חשון תשל״ח לרגל סיום הראשון של חברה ש״ס דקהלתינו, וז״ל שם: הנה היות שנתייסד חברה לומדי ש״ס על ידי אברכים עסקנים חשובים מקהילתינו קהל יטב לב, כמו החברה ש״ס שהיתה בעירנו ק״ק סאטמאר יצ״ו לפני המלחמה, שבהצטרפות כח החברים הלומדים מסיימים ש״ס מדי חודש בחדשו. לזה אף ידי תיכון עמם, ולסיום ש״ס הראשון של חברה זו הנני לברך את העסקנים וכל החברים הלומדים ומצטרפים בלימוד וסיום הש״ס, שיזכו להגדיל תורה ולהאדירה, ולהתברך בשפע ברכה והצלחה וכל מילי דמיטב, עדי נזכה לראות במהרה בישועתן של כלל ישראל ושמחתן. כעתירת וברכת הבעה״ח פק״ק קרית יואל שבמאנרא יצ״ו (חתי״ק). - [ועיין בהערה מתחת לקו שם וז״ל: בעיר סאטמאר שנת תרצ״ד יָסַד הגה״צ מביקסאד זצלה״ה בהסכמת רבינו, חברה לומדי ש״ס, ומטרתו לסיים ש״ס מדי חודש בחדשו, שכל אחד ואחד מהחברה לומד עשרה דפים בכל חודש, וככה ממשיכים ללמוד להלן בכל חודש, וגם רבינו חתם אז על התקנות. ובחודש תשרי שנת תשל״ח נתעוררו כמה אברכים עסקנים לחדש אורו ולייסד מחדש חברה לומדי ש״ס, ולסיום ש״ס הראשון (בר״ח חשון) נתן רבינו ברכתו הקדושה להחזקת החברה].

[כח] **ועיין בליקוטי אמרים תניא** (בקונטרס אחרון) **וז״ל: חזקו ואמצו לבבכם כל המייחלים לה׳, גם לגמור כל הש״ס בכל שנה ושנה, ובכל עיר ועיר לחלק המסכתות על פי הגורל או ברצון, ועיר שיש בה מנינים הרבה יגמרו בכל מנין ומנין, ואם איזה מנין קטן מהכיל יצרף אליהם אנשים מאיזה מנין גדול, בבל ישונה חק ולא יעבור.**

KolSatmar.com